**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/14/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער HOCHUL (האקול), גאווערנער MURPHY (מורפי) און די פארט אויטאריטעט שלאגן פאר ביליגערע רייזע פרייז פראגראם פאר פאסאזשירן מיט באגרעניצונגען אויף PATH קאמיוטער רעיל

***פארגעשלאגן 50 פראצענט רייזע פרייז רעדוקציע פאר פאסאזשירן מיט באגרעניצונגען צו מאכן גלייך מיט די יעצטיגע פראגראם פאר עלטערע מענטשן***

***רעדוצירטע רייזע פרייז פראגראם ווארט פאר באשטעטיגונג, צו ווערן אקטיוויזירט אין די זומער 2025 אזוויי די איינפירונג פון TAPP טעפ-צו-צאלן סיסטעם גייט ווייטער***

***פעעס וועט ארבעטן מיט ביזנעס אייגנטומער אין באגרעניצטע קאמיוניטי צו פארלייכטערן סערטיפיקאציע יאך פון בארעכטיגטע קאסטומער***

***פארשלאג קומט אזוויי פארט אויטאריטעט מאכט א גרויסע אינוועסטמענט אין פארבעסערן PATH סיסטעמ'ס סטאנציעס און אינפראסטרוקטור***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול), גאווערנער Phil Murphy (פיל מורפי) און די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשורסי האבן היינט געמאלדן די פארשלאג פון א נייע רעדוצירטע רייזע פרייז פראגראם פאר קאסטומער מיט באגרעניצונגען וואס נוצן די PATH סיסטעם. די 50 פראצענט רייזע פרייז רעדוקציע וועט זיין גלייך מיט די יעצטיגע רעדוצירטע רייזע פרייז פראגראם אוועילעבל פאר עלטערע רייזנדע. אויב עס ווערט באשטעטיגט, וועלן רייזנדע קענען אנהייבן זיך איינשרייבן פאר די פראגראם אין פרילינג 2025, מיט די רעדוצירטע רייזע פרייז איינגעשטעלט אין די זומער אזוויי PATH גייט ווייטער מיט איינפירן אירע TAPP טעפ-צו-צאלן סיסטעם.

"לייכטער צוטריט צו באקוועמע, פארלעסליכע און צוגענגליכע פובליק טראנספארטאציע איז א איינפאכע רעכט וואס יעדער זאל קענען געניסן פון," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיט דער נייע רייזע פרייז רעדוקציע פאר מענטשן מיט באגרעניצונגען פארגעשלאגן דורך ניו דזשורסי גאווערנער מורפי, די פארט אויטאריטעט און איך, בין איך זיכער אז מיר מאכן די רעכט פאר טראספארטאציע נאך לייכטער צו געניסן פון."

**ניו דזשורסי גאווערנער Phil Murphy (פיל מורפי) האט געזאגט,** "אין ניו דזשורסי, האבן מיר געזוכט א גאנצע-גאווערמענט צוגאנג צו פארשטערקערן איינוואוינער מיט באגרעניצונגען, און מיר האבן געזען וויאזוי געציעלטע סערוויסעס און שטיצע קען העלפן מענטשן צו בליען אין זייער קאמיוניטי. פובליק טראנספארטאציע איז קריטיש פאר אונזער קאמיוניטי פון באגרעניצטע — ערמעגליכענדיג צאללאזע מענטשן וואס קענען נישט פירן א קאר צום ארבעט, שולע, העלטקעיר אפוינטמענטס, סאציאלע צוזאמקומענגען. די PATH רייזע פרייז רעדוקציע היינט פארגעשלאגן וועט צולייגן צו אונזער ארבעט צו

פארזיכערן אז אונזער פובליק טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור איז געאייגנט פאר יעדעם און איז פארלעסליך פאר אלע קאסטומער."

די פארגעשלאגענער רעדוצירטע רייזע פרייז פראגראם איז נאך טריט אין די פארט אויטאריטעט'ס אגענדע צו ווייטער פארבעסערן די PATH סיסטעם. די באמיאונגען האבן ארייגענומען די PATH פארבעסערונג פלאן (PATH Improvement Plan), וואס האט געצילט צו פארמערן די סיסטעם'ס פעאיגקייט און רעדוצירן פארשפעטיגונגען דורך נייע באנען, סיגנאל פארבעסערונגען און ארבעט אויף די טרעקס. PATH רייזנדע האבן אויך ענטוזיאסטיש אויפגענומען די נייע TAPP רייזע באצאלונג סיסטעם(TAPP fare payment system), צושטעלנדיג א גרינגע באצאלן אפציע דורך טעפן א קאנטאקטלאז דעביט\קרעדיט קארטל, סמארטפאון אדער א דעווייס וואס מען קען אנטוען. פולשטענדיגע ארבעט גייט אויך אהן אויף די 430 מיליאן דאלערדיגע PATH פאראויס(PATH Forward) פראגראם, וואס פאקוסירט אויף פארבעסערן די שנעלקייט, פארלעסליכקייט און פאסזשיר ערפארונג אויף די סיסטעם.

די פארשלאג צייכנט אן די ערשטע מאל וואס די פארט אויטאריטעט וועט פארשלאגן א רעדוצירטע PATH רייזע פרייז פאר מענטשן מיט באגרעניצונגען. רעדוצירטע רייזע פרייזן זענען יעצט אוועילעבל פאר עלטערע רייזנדע, פון 65 יאר און עלטער, דורך די סיניאר סמארטלינק קארטל ( Senior SmartLink Card).

**פארט אויטאריטעט טשעירמאן Kevin O'Toole (קעווין אוטול) האט געזאגט,** "דער פארשלאג איז א טריט פאראויס אין פארזיכערן אז די PATH סיסטעם איז באקוועם און גלייך פאר יעדער איינער. מיט אפלאדירן די אומאויפהערליכע ארבעט פון אדוואקאטן און ביזנעס אייגנטומער וואס האבן געארבעט מיט אונז און צוזאמגעברענגט די קאמיוניטי עס צו מאכן מעגליך."

**פארט אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר Rick Cotton (ריק קאטען) האט געזאגט,** "די PATH סיסטעם איז א וויכטיגע לינק אין דער ראיאן, און מיר זענען שטאלץ צו אריינבויען גלייכבארקייט אין די סיסטעם - אבער מיר קענען אייביז טוען מער. ווארטנדיג פאר באשטעטיגונג פון אונזער באורד פון קאמישאנערס, קוקן מיר פאראויס צו אריינשטעלן דער נייע PATH רייזע פרייז רעדוקציע קומעדיגע זומער און ארבעטנדיג מיט די קאמיוניטי פון באגרעניצטע צו פארזיכערן אז די סערטיפיקאציע פראצעדור איז ווי גרינג מעגליך."

**PATH דירעקטאר\גענעראל מענדזשער Clarelle DeGraffe (קלערל דעגרעף) האט געזאגט,** "עס איז א צענטראלע טייל פון אונזער מיסיע צו פארבעסערן די צוטריט פון די PATH סיסטעם פאר באגרעניצטע רייזנדע. מיט דער נייע ספעציעלע רייזע פרייז, טוען מיר זיך ווידער פארפליכטן צו ערגרייכן יענער קריטישע ציל."

**OPWDD יעצטיגע קאמישאנער Willow Baer (ווילאו בער) האט געזאגט,** "צוטריט צו טראנספארטאציע איז א פראבלעם וואס אסאך ניו יארקער מיט באגרעניצונגען האבן זיך געמוטשעט מיט פאר יארן. די רעדוצירטע רייזע פרייז פאר די PATH סיסטעם פארגעשלאגן דורך גאווערנער Hochul (האקול) וועט צושטעלן צוגענגליכע צוטריט צו פארלעסליכע און צוטריטליכע טראנספארטאציע פאר ניו יארקער מיט באגרעניצונגען וואס פארן צווישן ניו יארק און ניו דזשורסי."

**סטעיט טשיעף דיסעביליטי אפיציר Kim Hill (קים היל) האט געזאגט,** "איך אפלודיר סיי גאווערנער Hochul (האקול) און אויך גאווערנער Murphy (מורפי) פאר נעמען די איניציאטיוו צו פארשלאגן א רעדוצירטע PATH רייזע פרייז פאר מענטשן מיט באגרעניצונגען. די נידריגע פרייז וועט ערמעגליכן ניו יארקער באגרעניצטע קאמיוניטי מער צוטריט צו פארלעסליכע און באקוועמע טראנספארטאציע."

ווארטנדיג פאר די פארט אויטאריטעט קאמישענער’ס באשטעטיגונג, וועלן רייזנדע זיך קענען איינגעבן פאר די רעדוצירטע רייזע פרייז פראגראם אנהייבנדיג דער פרילינג, מיט די פראגראם זיך אינהייבנדיג קומעדיגע זומער. די רעדוצירטע רייזע פרייז וועט זיין אוועילעבל דורך איין פון צוויי באצאלונג אפציעס: א אייגנארטיגע פיזישע TAPP קארטל ארויגעגעבן דורך PATH, אדער א קאנטאקטלאזע קרעדיט\דעביט קארטל אדער טעלעפאנישע בערזל וואס די רייזנדע האט פארבינדן צו א TAPP טרענזיט אקאונט. מער אינפארמאציע אויף די אפליקאציע פראצעדור וועט זיין אועילעבל אין די קומעדיגע חודשים, מיט באדייטנדע אויטריטש געפלאנט צו ביזנעס אייגנטומער אין די באגרעניצטע קאמיוניטי מיט אינפארמאציע איבער בארעכטיגונג און סערטיפיקאציע באדינגונגען.

די פארט אויטאריטעט איז פארפליכטעט צו גרונטליך בעטן פאר פובליק מיטארבעט אזוויי עס נעמט אין באטראכט דער פארשלאגן. צו פארזיכערן אז די פובליק האט גענוג געלעגנהייטן צו מיטטיילן איר מיינונג, פיר פובליק הירינגס זענען געווארן באשטימט ביי א צאל לאקאציעס לענגאויס די ראיאן אין פארשידענע צייטן אינעם טאג. מיטגלידער פון די פובליק זענען אויך איינגעלאדנט צו אנטיילנעמען אין די הירינגס ווערטואל אדער אריינשיקן קאמענטארן דורך די פארט אויטאריטעט וועבסייט.

| דאטום | לאקאציע | אדרעס |
| --- | --- | --- |
| דעצעמבער 3, 7 p.m. | Hilton Hasbrouck Heights | 650 Terrace Ave, Hasbrouck Heights, NJ |
| דעצעמבער 4, 9 p.m. | 4 World Trade Center | 150 Greenwich St, 23rd Floor New York, NY |
| דעצעמבער 5, 9 a.m. | 2 Montgomery | 2 Montgomery St, 3rd Floor, Jersey City, NJ |
| דעצעמבער 5, 7 p.m. | 4 World Trade Center | 150 Greenwich St, 23rd Floor New York, NY |

די פארט אויטאריטעט איז פארפליכטעט צו גרונטליך בעטן פאר פובליק מיטארבעט אזוויי עס נעמט אין באטראכט דער פארשלאגן. צו פארזיכערן אז די פובליק האט גענוג געלעגנהייטן צו מיטטיילן איר מיינונג, פיר פובליק הירינגס זענען געווארן באשטימט ביי א צאל לאקאציעס לענגאויס די ראיאן אין פארשידענע צייטן אינעם טאג. מיטגלידער פון די פובליק זענען אויך איינגעלאדנט צו אנטיילנעמען אין די הירינגס ווערטואל אדער אריינשיקן קאמענטארן דורך די פארט אויטאריטעט וועבסייט.

**איבער די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערסי**

די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי איז אן אגענטור צווישן צוויי סטעיטס וואס בויט, אפערירט און האלט אויף פילע פון די וויכטיגסטע טראנספארטאציע און האנדלס אינפראסטראקטור איינריכטונגען אין דאס לאנד. פאר מער ווי הונדערט יאר, זענען די אגענטור'ס נעטווארק פון הויפט לופטפעלדער; קריטישע בריקן, טונעלן, און באס טערמינאלן; און ארבעטער שינע ליניע; און די פארנומנסטע האפן אויף די מזרח בערג געווען פון די מערסט וויכטיגע אין די לאנד - טראנספארטירנדיג הונדערטער מיליאנען מענטשן און רוקן וויכטיגע סחורה אין און ארויס פון די ראיאן. די פארט אויטאריטי טוט אויך פארמאגן און פארוואלטן די 16-אקער ווארלד טרעיד צענטער קאמפוס, וואס טוט היינט אויפנעמען צענדליגע טויזנטער ארבעטער און מיליאנען יערליכע באזוכער. די אגענטור'ס היסטארישע $37 ביליאן צען-יעריגע קאפיטאל פלאן נעמט אריין פרעצעדענטלאזע טראנספארמירונגען פון די ראיאן'ס דריי הויפט לופטפעלגער - לא גווארדיע, ניווארק ליבערטי און JFK - ווי אויך א רייע פון אנדערע נייע און פארבעסערטע פארמעגנס, אריינגערעכנט די $2 ביליאן רענאווירונג פון די 90-יעריגע דזשארדזש וואשינגטאן בריק. די פארט אויטאריטעט'ס יערליכע בודזשעט פון 9.3 ביליאן דאלאר רעכנט נישט אריין קיינע שטייער איינקונפטן פון די סטעיטס ניו יארק אדער ניו דזשערסי אדער פון די סיטי אָוו ניו

יארק. דער אגענטור נעמט צוזאם די נויטיגע געלטער פאר פארבעסערן, קאנסטרוקציע, אדער איינשאפן אירע איינריכטונגען הויפטזעכליך אויף איר אייגענע קרעדיט. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט www.panynj.gov אדער כאפט א בליק אויף די Now Arriving (יעצט אנקומענדיג) 'בלאָג'.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן